בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

עקב
שנה ב'




## די מתנה פון תפילה

### תפילה - דער וועג צו שטייגן אין בטחון

**אין** די וואכעדיגע סדרה דערציילט משה רבינו ווי אזוי ער האט מתפלל געווען פאר זיין ברודער - אהרן הכהן נאכן חטא העגל, ווי עס שטייט אין פסוק: "ואתפלל גם בעד אהרן בעת ההוא" (עקב ט, כ) און עטליכע פסוקים שפעטער טרעפן מיר דאסווארט **ואתפלל** נאכאמאל, ווען משה בעט זיך ביי השי"ת ער זאל אוועקנעמען זיין צארן אויף כלל ישראל, ווי דער פסוק זאגט: "ואתפלל אל ה', ואמר השם אלוקים אל תשחת עמך..." (עקב ט, כו), און דאס איז געווען א געוואלדיגע תפילה. טראץ דעם וואס דאס זענען געווען נאר פיר פסוקים (פון פסוק כ"ו ביז פסוק כ"ט) איז דאס אבער געווען א תפילה וואס איז נאכנישט געווען אין די היסטאריע. משה רבינו האט זיך אראפגעווארפן פארן אויבערשטן און געדאווענט פערציג טעג און נעכט בעטנדיג מיט תחנונים פאר הקדוש ברוך הוא, פאר די וואוילזיין פון זיינע באליבטע אידן. איר קענט זיך פארשטעלן וואס דאס מיינט צו שטיין קעגן השי"ת פאר פערציג טעג?! דאס איז אוממעגליך אפילו זיך פארצושטעלן. נאך פינף מינוט מתפלל זיין קען שוין א מענטש שפירן ווי ער האט שוין געענדיגט, און דא שטייט משה רבינו און איין צי פערציג טעג און פערציג נעכט, און הערט נישט אויף צו מתפלל זיין. און אידישע קינדער פון זייער זייט האבן אויך געהאלפן מיט תפילה אז דער אויבערשטער זאל זיי מוחל זיין פאר זייערע זינד.

איך וויל ענק דא מגלה סוד זיין אז די גאנצע עפיזאד פון די גאלדענע קעלבל איז געווען פונקטליך אויסגערעכנט פון פאראויס דורך השי"ת, כדי ארויסצוברענגען די שטראם תפילות פון משה רבינו און כלל ישראל. פאר וועלכע סיבה? אז זיי זאלן ווערן מער און מער דערהויבן דורך זייערע תפילות. משה ובני ישראל זענען דורך דעם צוגעקומען צו אויסטערלישע הויכע מדריגות וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן. דאס ערשטע מאל וואס משה רבינו האט געדעט פנים אל פנים צום באשעפער, איז געווען נאכדעם וואס ער האט פארבראכט די פערציג טעג מיט תפילה. נאר צוליב די תפילות און די מדריגות וואס דאס האט אים צוגעברענגט, האט משה רבינו זוכה געווען צו די געוואלדיגע גרויסקייט צו רעדן צום באשעפער פנים אל פנים.

### איז א מצוה צו דאווענען?

**פון** דא זעען מיר קלאר אז תפילה האט א כח צו מאכן דעם מענטש גרויס אין די אויגן פון השי"ת.

בעפאר מיר הייבן אן די טעמע פאר די נאכט וועלן מיר פרעגן א קשיא: פארוואס איז נישטא א באזונדערע מצוה אין די תורה צו דאווענען? אמת, דאס איז אריינגערעכנט אין **לעבדו בכל לבבך** אבער דאס מוז נישט מיינען נאר תפילה, דאס קען מיינען נאך זאכן. אזא וויכטיגע זאך ווי תפילה

וואלט געדארפט שטיין עקסטער ארויסגעשריבן. למעשה איז תפילה א גרויסע חלק פון א איד׳ס לעבן פארוואס זאל דאס נישט זיין אין די עשרת הדברות, אדער כאטשיג צווישן די תרי״ג מצוות. איך מיין אז ס׳איז א שטארקע שאלה...

איין ענטפער איז, אז תפילה איז נישט א מצוה וואס מען טוט איינמאל אדער אפילו צען מאל, נאר תפילה איז א דרך אין לעבן! תפילה מיינט אז מען איז שטענדיג אין קאנטאקט מיט השי״ת. תפילה מיינט אז ווי נאר מען עפנט אויף די אויגן אינדערפרי, און דורכאויס דעם לאנגן טאג ביז מען שלאפט איין, רעדט מען צום באשעפער. פארדעם זענען מיר דא אויף דער וועלט צו זיין א ״מאן״ פון תפילה.

## דער מאן פון תפילה

**דוד** המלך איז געווען גרויס אין אלע הינזיכטן. ער האט דערגרייכט גרויסע זאכן במשך זיין לעבן; ער האט געפירט און געזיגט מלחמות, ער האט געלערנט תורה, און איבער אלעם איז ער געווען קעניג איבער די אידן, מיט דעם אלעם ווען מען וויל באצייכענען צו וואס ער איז פאקטיש צוגעקומען נעמט מען זיינע ווערטער: **ואני תפילה** זאגט דוד המלך אויף זיך. מיר ווייסן אז דוד המלך האט פארברענגט אסאך צייט אויף תפילה, ער איז געלעגן אין פעלד און גערעדט צו הקדוש ברוך הוא ווילאנג זיינע כוחות האבן אים ערלויבט, אפילו ווען ער האט שוין נישט געקענט רעדן האט ער געטראכט פון השי״ת.

אבער וואס מיינט דוד המלך ווען ער זאגט **ואני תפילה**, ער האט געקענט זאגן, ׳איך האב גוט געדאווענט׳; ׳איך האב געהאט גוטע כוונות׳; אדער ׳איך האב אסאך געדאווענט׳; וואס איז זיין כוונה **ואני תפילה**?

דער ענטפער איז, אז דוד המלך האט נישט אזוי ווייט געדאווענט אסאך, אדער געדאווענט מיט כוונה, נאר זיין גאנצע עקזיסטענץ איז געווען תפילה! דורכאויס זיין גאנצן לעבן איז ער געווען דבוק צום אויבערשטן דורכ׳ן רעדן צו אים.

ווי עס שטייט אין תהלים, **להגיד בבוקר חסדך**, ער האט געדאנקט אינדערפרי און א גאנצן טאג. דאס איז וואס ס׳האט געמאכט דוד המלך גרויס. און דאס איז געווען די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט אים אויסגעוועלט צו זיין דער פירער איבער עם ישראל.

## אין ביהמ״ד א גאנצן טאג

**יעצט** פארשטייען מיר די ענטפער פון די שאלה וואס מיר האבן געפרעגט, פארוואס איז נישטא א דירעקטע מצוה פון תפילה, ווייל ס׳איז נישט א מצוה וואס מען קען זיין רוהיג אז מען האט דאס שוין ערלעדיגט און פארטיג, נאר ס׳איז אייער לעבן, דאס לעבן פון אן עובד ה׳ איז שטענדיג צו זיין פארנומען מיטן רעדן צום אויבערשטן דיבורים פן געבעט אדער דאנקען.

ס׳איז נישט דא א זאך אין א איד׳ס לעבן וואס האלט אים מער פארנומען ווי תפילה. אמאל אויפן וועג צום שול, בין איך פארביי געגאנגען דעם אלטן גוי׳אישן שכן, הער איך ווי ער זאגט צו זיין קינד: ״וואס איז דאס מיט די אידן? א גאנצן טאג גייען זיי אהין און צוריק פון שול. זיי ענדיגן קיינמאל נישט צו דאווענען?!״ דער ענטפער איז ״ניין״. מיר ענדיגן טאקע קיינמאל נישט צו דאווענען. מיר לערנען זיך פון משה רבינו און דוד המלך צו זיין אן ״איש תפילה״, א מאן פון תפילה!

## תפילות פון צדיקים

**אין** מסכת יבמות דף ס״ד ברענגט די גמרא, ווי אברהם אבינו האט געהאט שוועריגקייט צו האבן קינדער. לאנגע יארן זענען אריבער וואס ער האט געבעטן אבער אן ערפאלג, ער האט גערזאגט צו השי״ת **השם אלוקים מה תתן לי...** די אלע

זאכן וואס דו האסט מיר געגעבן מיינט גארנישט צו מיר אן קיין קינדער. דאס איז אן אויסדרוק פון טיפע צער. אברהם אבינו איז שוין געווען אין די זיבעציגער יארן ווען ער האט דאס געזאגט. און דער אויבערשטער האט אים נאכנישט צוליב געטון.

אברהם אבינו האט ווייטער מתפלל געווען, טאג איין טאג אויס פאר אסאך ביטערע יארן. און צו ועמען האט דאס דער אויבערשטער געטון? צו דעם מענטש וואס ער האט דאס מערסטע ליב!

מען זעט אז די אנדערע אבות און אמהות האבן זיך אויך געמוטשעט מיט קינדער. דאס איז זיכער נישט קיין צופאל. די גמרא ברענגט ארויס א וויכטיגע נקודה, **אעשך לגוי גדול**, איך וועל ענק מאכן א גרויסע פאלק. ווי וויכטיג עם ישראל איז, שטייט עפעס וויכטיגער ווי דעם, דאס באשאפן עם ישראל קען נאך צוווארטן, אבער עפעס דארף נאך קומען פריער, 'מפני שהקדוש ברוך הוא מתאווה לתפילתן של צדיקים', ווייל דער אויבערשטער ווארט און גלוסט אויף די תפילות פון די צדיקים. די תפילות פון צדיקים קומט פאר דאס געבוירן פון עם ישראל. די תפילות פון די צדיקים איז געווען א גרעסערע דערגרייכונג ווי געבוירן קינדער.

## פארוואס ליידן מיר?

**רש"י** פרעגט: פארוואס איז דא קרענק אויף דער וועלט? און ער ענטפערט: "אז מענטשן זאלן זיך ווענדן צו השי"ת". דאס מיינט אז דער אויבערשטער ברענגט אויף אונז יסורים און ווייטאגן ווייל ער גלוסט צו אונזערע תפילות.

פארוואס גלוסט דער אויבערשטער צו די תפילות? האט ער דען סיי וועלכע געברויך? דארף ער עפעס פון אונז? ס'איז זייער שווער צו פארשטיין פארוואס דער אויבערשטער וואס איז כולו טוב זאל ברענגען צרות אויף א מענטש כדי אז ער זאל מתפלל זיין.

דער ענטפער איז, אז ווען השי"ת גלוסט עפעס פון א צדיק איז דאס פאר זיין אייגענע טובה. ווען א מענטש ווערט צוגעברענגט צו דאווענען איז דא א געווינס פאר אים. נישט ווי מענטשן מיינען, אז ס'איז וויכטיג צו דאווענען ווען מען האט פראבלעמען, נאר די פראבלעמען איז א מתנה פון השי"ת אים צוצוברענגען צו דאווענען. און דאס דאווענען וועט צוברענגען דעם מענטש צו א העכערע מדריגה.

## זיך מישן אין אויבערשטנ'ס ביזנעס.

**אויפן** ערשטן בליק, קען אויסזען די גאנצע זאך פון תפילה ווי מען מישט זיך אריין אינעם אויבערשטנ'ס חשבונות. דארפן מיר אים דען זאגן וואס צו טון?! מיר דארפן אים נישט זאגן וואס מיר ווילן און דארפן ווייל ער ווייסט שוין ממילא אלעס.

אן אפטע מיספארשטענדעניש איז דא, ווען מען מיינט אז תפילה איז געמאכט געווארן אז דער אויבערשטער זאל צוהערן אונזערע געברויכן. מיר ווילן עפעס, מיר האבן צער פון עפעס וועלן מיר אויסשרייען צו השי"ת, מיר בעטן אים ער זאל ענטפערן אונזערע תפילות דורך נאכקומען אונזער פארלאנג. מיר האפן אז דורך אים אנטקעגן קומען מיט תפילות וועלן מיר ווערד זיין אז ער זאל אונז שענקען וואס מיר ווילן. כאטשיג וואס עס איז ריכטיג אז דאס איז די פשוט'ע פשט פון תפילה, אבער נישט דאס איז אונזער ציל פון תפילה.

## נאטור - עבודה זרה!

**דער** חובת הלבבות ברענגט אז בטחון איז איינס פון אונזערע יסודות אין לעבן, און ער איז מסביר אז א מענטש וואס ארבעט נישט אויף זיין בטחון איז אן עובד עבודה זרה, ווייל ער מיינט אז אלעס אין זיין לעבן גייט אן פון זיך אליין. ווען

איר גייט ארויס אין בית הכסא געשעט דאס פון זיך אליין, אז איר זענט באלאנסירט ביים גיין אויף די פיס פון זיך אליין, אייערע אויגן נעמען אליינס בילדער, אייער הארץ פאמפט אליינס בלוט. עס רעגנט, די ווינט בלאזט, די עסן וואקסט אין געשעפט, אלעס פון זיך אליינס.

דער מענטש דינט עבודה זרה פון דעם פאלשן גאט וואס רופט זיך "נאטור". דאסווארט נאטור איז א גריכישע אויסטרעף וואס איז געמאכט געווארן צו פארשטעקן דעם פאקט אז דער אויבערשטער איז פאקטיש אונטער יעדע געשעעניש.

ווען די גמרא וויל מסביר זיין עפעס וואס איז נאטורליך ווערט מען נישט נוצן דאס ווארט "נאטור" נאר "בידי שמים".

## ס'טוט זיך נישט און ס'בלאזט נישט קיין ווינט..

**אוודאי** וועלן מיר ווידמען א גרויסע חלק פון אונזער לעבן פאר אונזערע געברויכן. אבער דער פראבלעם איז, אז מיר רעדן זיך איין אז אונזער פלאג און מיה איז דאס וואס ס'מאכט אונז איבערלעבן דעם טאג. דאס איז א מלחמה צווישן השתדלות און בטחון, צו גלייבן אז מיר טוען גארנישט אליין, איז אן עבודה.

אפילו אונזער שפראך איז עובדי עבודה זרה, צב"ש: מען זאגט: "עס רעגנט". וואס מיינט דאס? ער רעגנט נישט פון זיך אליינס. ביי שמונה עשרה זאגט מען **משיב הרוח ומוריד הגשם**, דער אויבערשטער איז דער וואס ברענגט אראפ רעגן. א מענטש גייט אראפ די גאס זאגנדיג: "ס'בלאזט א ווינט..." ניין, א ווינט בלאזט נישט, נאר **משיב הרוח**, דער אויבערשטער בלאזט א ווינט!

ווי אזוי געבן מיר זיך אן עצה צו דעם פראבלעם וואס מיר האבן צווישן בטחון און השתדלות? דער ענטפער איז "תפילה". תפילה איז נישט פאר זאכן וואס איר דארפט אין אייער טאש... ס'איז פארן ציל צו באקומען בטחון אין אייער קאפ!

## פילל - צו טראכטן.

**דאס** ווארט 'פילל' מיינט צו טראכטן. אזוי ווי מיר זעען דעם לשון אין פסוק, ווען יעקב אבינו האט זיך ענדליך געטראפן מיט יוסף הצדיק האט ער געזאגט: "ראה פניך לא פללתי", כ'האב נישט געטראכט צו זען דיין פנים. (בראשית מח, יא). דאס ווארט **התפלל** מיינט 'ארייננטראכטן'.

איר האט געמיינט אז די פשט איז דאווענען. אבער אין אמת'ן ווען איר גייט אין ביהמ"ד צו מתפלל זיין גייט איר דארט צו **טראכטן**... אמת, ס'איז גוט ווען מען גייט אין שול זיך צו שאקלען ביים דאווענען אבער **תפילה** מיינט **טראכטן**!

מיר ווענדן זיך צו השי"ת נישט בלויז כדי אז אונזערע געברויכן זאלן געהערט ווערן, נאר **להתפלל** - אונז צו מאכן טראכטן אז השי"ת איז דער גאנצער מקור פון אונזער עקזיסטענץ. און איר דארפט מיר נישט זאגן אז איר ווייסט שוין פון דעם, ווייל אלעס וואס איר ווייסט איז בלויז א טראפן אין ים. יעדעס מאל וואס איר ווערט מתפלל זיין ווערט איר מער און מער קומען צו דער איבערצייגונג.

אן איש תפילה ווערט ווערן צוביסלעך אן איש בטחון. ווען איר ווערט זיך כסדר ווענדן צו השי"ת בעפאר יעדע זאך וואס איר טוט, און בעטן פאר זיין הילף אז איר זאלט מצליח זיין, צו איר האלט פאר אן הארץ אפעראציע אדער איר זוכט א פלאץ צו פארקן אייער קאר, דאן ווערט איר ווערן א בעל בטחון.

דאס איז די וויכטיגסטע דערגרייכונג פון תפילה, צוצוקומען צו די בטחון אז דער אויבערשטער טוט אלעס, הכל בידי שמים.

## אייער תפילה איז געענטפערט געווארן

**נישט** קיין חילוק אויב דער אויבערשטער האט יא אדער נישט געענטפערט אייער געבעט לויט ווי איר האט געהאפט, האט איר געווינען עפעס וואס איז אסאך מער ווערטפול ווי וואס איר האט געוואלט האבן, דאס איז די מתנה פון בטחון. צו גלייבן אז דער אויבערשטער איז די איינציגסטע זאך וואס איר פארמאגט. און דער מתנה וועט אייך באגלייטן אסאך ווייטער ווי סיי וועלכע זאך איר האט געבעטן.

ווען איר וועט נאר דורכגיין די תפילות פון סידור וועט איר כסדר טרעפן ווערטער וואס דרוקט אויס אז השי"ת איז פאראנטווארטליך אויף יעדע פרט פון אונזער לעבן.

## א גוטע עצה

**אויך** וועל איך אייך בעזהשי"ת געבן א גוטע עצה און אייך אפילו נישט רעכענען קיין געלט פאר דעם. נעם איין חלק פון דאווענען און פארברענגט מיט דעם דריי מינוט. זייט אייך מתבונן אין די ברכה און מיט די כוונות פון די ווערטער.

איר קענט בעטן ביי **רפאינו ה'**. דאס מיינט אויך טראכטן אז דער אויבערשטער געבט אייך געזונט. די גמרא זאגט: 'לעולם יבקש אדם שלא יחלה', שטענדיג זאל א מענטש בעטן אז ער זאל נישט קראנק ווערן. איר טראכט אז איר זענט א געזונטע מענטש, אבער הערט נישט אויף צו בעטן אז איר זאלט שטענדיג זיין געזונט.

## דאווענען פאר א רפואה

**א** מענטש האט א צאן ווייטאג. ביים דאווענען וועט ער מתפלל זיין אז דער ווייטאג זאל אוועקגיין, אבער דאס רעדן איז נאר מיטן מויל. ער ווייסט אז ער דארף גיין צום ציין דאקטער. איך זאג נישט אז נישט, זאל ער גיין צום בעסטן דאקטער אבער זיין געדאנקען גאנג דארף זיין פארקערט. ער זאל גיין צום דאקטער נאר פאר די פארמאלער שריט, אבער די תפילה זאל זיין וואס וועט אים ברענגען צו דער בטחון אז נאר דער אויבערשטער קען אים היילן.

איך בין אמאל געווען אין שפיטאל צו באזוכן א תלמיד. נעבן אים איז געלעגן אן אלטער איד וואס האט געהאלטן נאך אן הארץ אפעראציע. ווען זיין אייניקל איז אריינגעקומען האט ער די ערשטע זאך געפרעגט:

"נו זיידי, איז די אפעראציע געווען א סוקסעס?" און איך האב געטראכט צו מיר, "ב"ה אז דער אפעראציע איז טאקע געווען א סוקסעס, אבער די סיבה פארן מענטשנס הארץ אפעראציע איז נישט ווייל ער האט געברויכט א נייע ווענטיל, נאר ווייל ער האט נישט געווען אונזער לעבן. די ריכטיגע סיבה איז געווען אז ער זאל אויסשרייען צו השי"ת. און אויב ח"ו דער מענטש וואלט נישט איבערגעלעבט דעם קריזיס, אבער ער וואלט פארברענגט זיינע לעצטע מינוטן פון זיין לעבן מיטן דאווענען און צוגעקומען צו בטחון, דעמאלטס וואלט אויך געווען א ריכטיגע סוקסעס. זיין הארץ פעלער וואלט געווען א סוקסעס ווייל ער וואלט ארויסגענומען פון דעם די געלעגנהייט צוצוקומען צו סוקסעס פון לעבן.

## ווען דער אויבערשטער ענטפער אייער תפילות

**ווען** דער אויבערשטער ענטפערט אייער תפילות אזוויי איר האט געוואלט, איז דאס נישט ווייל ער האט נאכגעגעבן אייער פארלאנגען, נאר אז איר זאלט האבן חיזוק און חשק ווייטער אנצוגיין מיט אייער תפילות.

מען זאל נישט מיינען אז מען קען צוקומען צו תפילה נאר דורך צרות, וואס דער אויבערשטער שיקט. מיר קענען זיך אויפוועקן צו תפילה אין אונזער טאג טעגליכן לעבן און דורכדעם צוקומען צו די בטחון וואס תפילה ברענגט אונז.

## מן אין מדבר

**האט** איר זיך אמאל געוואונדערט פארוואס די מן איז געפאלן אין מדבר יעדן טאג באזונדער און נישט איינמאל אין וואך? פארוואס האט מען זיך יעדן טאג געברויכט אנשטרענגען ארויסצוגיין קלויבן די מן?

רבי שמעון בר יוחאי ענטפערט די שאלה. א מענטש אין מדבר האט געדארפט שפייזן זיין הויז געזונט. די קינדער זענען געווען הונגעריג און געבעטן צו עסן. יעדן טאג האט זיך דער טאטע געזארגט, "וועט זיין מארגן מן אדער נישט? וועל איך האבן וואס צו געבן פאר מיינע קינדער צו שפייזן?" איר זאלט נישט מיינען אז די מענטשן זענען געווען זיכער אז מארגן וועט אויך פאלן די מן. דער אויבערשטער האט זיי נאכגעקוקט צו מאכן זיכער אז זיי זענען ראוי פאר דעם. יעדן טאג עקסטער האבן די אידן געבעטן און מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל זיי שפייזן. און וואס זענען געווען די תוצאות? זאגט רבי שמעון בר יוחאי? '**נמצאו כולן מכוונים את לבם לאביהן שבשמים**' אז אלע האבן אינזינען געהאט זייערע הערצער צום אויבערשטן. די אידן האבן באקומען מער און מער בטחון, אז נאר דער אויבערשטער קען זיי שפייזן.

אין די דערהויבענע עבודה איז אפן און נאנט פאר אונז אלע. דער אייבערשטער האט אונז אויסגעשטעלט צו זיין די גרעסטע נצרכים פון אלע באשעפענישן, דאס גיט אונז א שטופ פאראויס אז מיר זאלן פילן די וויכטיגקייט זיך צו ווענדן נאר צו אים און וויסן אז אלעס איז נאר פון אים. אונזער גרויסקייט איז פארזיכערט ווילאנג מיר גייען נאך די פיס טריט אויסגעטראטן דורך אונזער געטרייער מנהיג משה רבינו: ואתפלל גם בעד אהרן בעת ההיא. יעדע "עת" איז נאך א געלעגענהייט צו וואקסן אין עבודת השם.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: **845-213-7571**
פאר וויליאמסבורג רופט: **929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע***
***וואך אין די קונטרס***
***"גליונות לשב"ק",***



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
וואס דארף זיין דעם מענטשנ'ס געדאנקנגאנג ווען ער שרייט אויס צום באשעפער און ער שפירט נישט אז ער איז געענטפערט געווארן?

## תשובה:
**מען** דארף טראכטן אז דער אויבערשטער וויל אז ער זאל אויסשרייען נאכמער. לאמיר זאגן אז איר האט שוין אויסגעשריגן נאכמער, צום ביישפיל א מענטש אויף זיין קראנקן בעט, ער איז אן אלטער מענטש פון 119 יאר. ער קען נישט ערווארטן צו לעבן צופיל לענגער אבער ער וויינט צום באשעפער, ער וויל נאך לעבן. צום סוף ווערט ער נפטר. האט ער פארפאטשקעט זיין צייט דורך תפילה טון? ניין, ס'קען זיין אז ער האט דערגרייכט אין זיינע לעצטע מינוטן מער ווי אין זיין גאנצן לעבן, ווייל ער האט געטראכט פונעם אויבערשטן.

**דער** אלטער מענטש האט געשריגן צום אויבערשטן: "הייליגער באשעפער, הייל מיר אויס!" מענטשן קענען טראכטן, דאס איז אזוי נאריש, ער וויל ווערן געהיילט? ווילאנג מיינט ער אז ער וועט זיך נאך דרייען דא...? 119 יאר איז נישט גענוג? און דער ענטפער איז: ס'איז נאכנישט גענוג, ער וויל לעבן א טויזענט יאר... פארוואס נישט? זיין עלטער-זיידע, משותלח האט געלעבט כמעט טויזענט יאר, פארוואס איז ער נישט בארעכטיגט? דעריבער שרייט ער אויס צום באשעפער און ער מעג. זאגט נישט אז ער האט נישט דערגרייכט וואס ער האט געוואלט, ער האט יא. די תפילות און בקשות איז דער ציל פונעם קראנקן בעט אז ער זאל אויסשרייען צום באשעפער און דורכדעם ווערן מער און מער באוואוסטזיניג אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. דאס איז דער גרעסטער דערגרייכונג וואס סאיז דא. דערפאר זאל קיינער נישט ווערן אראפגעקלאפט ביים אויסשרייען צום באשעפער ווייל איר געווינט מער אנערקענונג אין באשעפער

נדבת השבוע
זכות השבוע פרשת עקב
נתנדב ע"י נדבנים חשובים הע"י
זכות הרבים יעמוד להם להתברך בכל מידי דמיטב

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"